# נאלאקסאון קיטס אין פובליק ערטער: אפט געפרעגטע פראגעס

## וואס איז נאלאקסאון?

נאלאקסאון (טיילמאל גערופן מיט די ברענד נאמען Narcan) איז א זיכערע מעדיצין וואס קען צוריקדרייען די אפעקטן פון אן אפיאויד איבערדאזע. נאלאקסאון ארבעט נאר אויף אפיאוידס (אזוויי הערוין, פענטאניל און אפיאויד-באזירטע ווייטאג מעדיצינען) אבער עס איז פארזיכערט צו נוצן אפילו אויב אפיאוידס זענען נישט אנוועזנד. נאלאקסאון איז גרינג צו באקומען און קאסט נישט קיין געלט ארום ניו יארק סיטי און מען קען עס קויפן אן קיין פרעסקריפשן ביי אסאך אפטייקן.

## פארוואס זאל איך האבן נאלאקסאון און עס האלטן ביי מיין פובליק פלאץ?

סיי ווער קען גרינגערהייט געבן די נאלאקסאון צו צוריקדרייען אפיאויד איבערדאזע סימפטאמען פאר גענוג לאנג פאר עמערדזשענסי מעדיצינישע סערוויסעס צו אנקומען. האבן נאלאקסאון אונטער די האנט אין פובליק ערטער פארגרעסערט די מעגליכקייט פון איינער וואס רעאגירט צו אן אפיאויד איבערדאזע צו פארמיידן איבערדאזע טויט.

## פארוואס זאל איך האלטן נאלאקסאון אין מיין ארבעטספלאץ?

אנגעהויבן פון דעצעמבער 12, 2026, פאדערט ניו יארק סטעיט פון פריוואטע ארבעטסגעבער מיט אקיופעישענאל זיכערהייט און געזונטהייט אדמיניסטראציע-פארלאנגטע ערשטע הילף קיטס צו אויך האבן נאלאקסאון אדער אנדערע אפיאויד באקעמפער מיט זייער ערשטע הילף געצייג.[1]

## וועלכע זיכערקייט געבט ניו יארק סטעיט פאר מענטשן וועלכע האבן, געבן אדער באקומען נאלאקסאון?

ניו יארק סטעיט'ס גוד סאמאריטען געזעצן באשיצן מענטשן וועלכע ווען אויס צו רעאגירן צו א מעדיצינישע עמערדזשענסי, אריינגערעכנט א דראג איבערדאזע, פון קרימינאלע און ציווילע שטראפן. די געזעצן קענען אריינרעכענען:

- **עמערדזשענסי מעדיצינישע באהאנדלונג געזעצן:** מענטשן וועלכע העלפן ארויס אין א מעדיצינישע עמערדזשענסי, אריינגערעכנט א דראג איבערדאזע, זענען באשיצט פון ציווילע שטראפן אויב זיי געבן פרייוויליגע הילף אן קיין ערווארטונג פון געלט פארגיטיגונג. די געזעץ איז ספעציפיש געמאכט צו באשיצן מענטשן וועלכע העלפן ארויס "ביי א סצענע פון אן עקסידענט אדער אנדערע עמערדזשענסי אינדרויסן פון א שפיטאל, דאקטער'ס אפיס, אדער אנדערע פלאץ וואס האט נישט ריכטיגע און נויטיגע מעדיצינישע געצייג."[2]

---

[1] פארלאנגענדיג אז ערשטע הילף קיטס אין אן ארבעטספלאץ זאלן פארמאגן אן אפיאויד באקעמפער. ניו יארק לעיבאר געזעץ טייל 27-f. פעברואר 20, 2026. https://www.nysenate.gov/legislation/laws/LAB/27-F

[2] עמערדזשענסי מעדיצינישע באהאנדלונג. ניו יארק פובליק געזונטהייט געזעץ טייל 3000-a. יוני 5, 2026. https://www.nysenate.gov/legislation/laws/PBH/3000-A

- **אפיאויד איבערדאזע פראגראם געזעץ:** מענטשן וועלכע געבן נאלאקסאון אין רעאקציע פון א פארדעכטיגטע אפיאויד איבערדאזע זענען באשיצט פון קרימינאלע, ציווילע און אדמיניסטראטיווע שטראפן אויב זיי נעמען פארשטענדליכע שריט, מיט א גוטע כוונה, און אין איינקלאנג מיט ניו יארק סטעיט רעגולאציעס. אפיאויד באקעמפער, אזוויי נאלאקסאון, ווערן גערעכנט אלץ עמערדזשענסי באהאנדלונגען אדער ערשטע הילף.[3]
- **Good Samaritan Law 911 (גוד סאמאריטען געזעץ):** מענטשן זענען באשיצט פון ווערן פראקורירט פאר פארמאגן מיסדימינער דראגס, פארמאגן דראג צוגעהערן, און זיין אונטער די איינפלוס פון דראגס אויב זיי רופן 911 אין רעאקציע צו איינער וואס ליידט פון א פארדעכטיגטע איבערדאזע. די באשיצונגען זענען אויך גילטיג אויף דער מענטש וואס ליידט פון די איבערדאזע.[4] [5]

## וועלכע ספעציפישע שיצונגען שטעלט די גוד סאמאריטען געזעצן צו?

פאר מענטשן וועלכע זוכן מעדיצינישע הילף אין צייט פון אן אפיאויד איבערדאזע, אפגעזען פון זייער יארגאנג אדער אויב זיי רופן הילף פאר זיך אדער פאר איינער אנדערש, וועלן די גוד סאמאריטען געזעצן זיי באשיצן פון לעגאלע פראבלעמען פון:

- פארמאגן ווייניגער פון 8 אונסעס פון א קאנטראלירטע סובסטאנץ (א קלאס A-II פעלאני אדער נידריגער)
- פארמאגן אלקאהאל, אויב א מינדעריעריגער וואס האט געטרינקען
- פארקויפן סיי וועלכע מאס פון קאנאביס
- פארמאגן דראג צוגעהערן

עס זענען דא באגרעניצונגען אויף באשיצונגען. איר קענט נאך אלץ אויסשטיין לעגאלע פראבלעמען מיט:

- פארלעצן פאראול אדער פראובעישן
- האבן אן אפענע ארעסט וואראנט
- פארקויפן אדער ווילן פארקויפן קאנטראלירטע סובסטאנצן
- פארמאגן 8 אונסעס אדער מער פון א קאנטראלירטע סובסטאנץ (א קלאס A-I פעלאני)

אויך, קענען די גוד סאמאריטען געזעצן נישט געבן ספעציפישע באשיצונגען פאר מעגליכע אימיגראציע אדער טשיילד וועלפעיר פראבלעמען.

## מעג איך פארמאגן און געבן נאלאקסאון אויב איך האבן נישט קיין מעדיצינישע טרעינירונג?

יא. אנגעהויבן פון אפריל 2006, איז געווארן לעגאל פאר נישט-מעדיצינישע מענטשן וועלכע באקומען א נאלאקסאון קיט פון אן אפיאויד איבערדאזע פארמיידונג פראגראם צו פארמאגן און געבן נאלאקסאון אין ניו יארק סטעיט. אנגעהויבן פון סעפטעמבער 2023, קען מען קויפן נאלאקסאון ביי אפטייקן און עס איז א מעדיצין וואס דארף נישט קיין פרעסקריפשען.

---

[3] אפיאויד איבערדאזע פארמיידונג. ניו יארק פובליק געזונטהייט געזעץ טייל 3309. דעצעמבער 19, 2025.
https://www.nysenate.gov/legislation/laws/PBH/3309

[4] אפיאויד איבערדאזע פארמיידונג פראגראמען. 10 NYCRR טייל 80.138. מאי 6, 2015.
https://regs.health.ny.gov/content/section-80138-opioid-overdose-prevention-programs

[5] עדות אדער באטראפענער פון דראג אדער אלקאהאל איבערדאזע. ניו יארק פינעל געזעץ טייל 220.78. אפריל 2, 2021. https://www.nysenate.gov/legislation/laws/PEN/220.78

## מוז איך רעאגירן צו אן איבערדאזע?

ניין. צוזען ווי איינער ליידט פון א פארדעכטיגטע איבערדאזע (צום ביישפיל, אויב זיי האבן איבערדאזע סימפטאמען אזוויווי נישט גוטע קאליר אדער אומרעאגירקייט) פארפליכטעט אייך נישט צו געבן נאלאקסאון. אויב איר ווילט יא אויס צו רעאגירן, קענט איר געבן נאלאקסאון, געבן רעטונגס אטעמען, און רופן **911**. אויב איר שפירט נישט באקוועם צו געבן נאלאקסאון, קענט איר נאך אלץ רופן **911**, איבערגעבן די לאקאציע פון די מענטש וואס ליידט פון די פארדעכטיגטע איבערדאזע, און שילדערן זייערע סימפטאמען.

## קענען מערערע איינגעשטעלטע פארמאגן די זעלבע נאלאקסאון קיט אדער האבן א מיטגעטיילטע קיט?

טרענירטע איבערדאזע רעאגירער מעגן מיטטיילן נאלאקסאון אויב זיי ארבעטן פאר די זעלבע ארגאניזאציע אדער אין די זעלבע לאקאציע.

## דארפן מענטשן האבן לייעביליטי אינשורענס צו באהאנדלען אן איבערדאזע?

ניין. זינט די אפיאויד איבערדאזע פארמיידונג פראגראם האט זיך אנגעהויבן אין 2006, האט די ניו יארק סיטי העלט דעפארטמענט קיינמאל נישט באקומען א באריכט פון איינער וואס האט געדארפט לייעביליטי אינשורענס.

## אויב איך געב נאלאקסאון און דארף פארלאזן דעם סצענע איידער פאראמעדיקס אדער פאליציי קומט אן, קען זיך די פאליציי פארבינדן מיט מיר באזירט אויף מיין נאלאקסאון קיט סערטיפיקאט פון פארענדיגונג בלויע קארטל?

איר דארפט נישט איבערלאזן קיין שום אידענטיפיצירנדע אינפארמאציע, אריינגערעכנט די סערטיפיקאט פון פארענדיגונג בלויע קארטל פון אייער נאלאקסאון קיט. איבערלאזן די גענוצטע נאלאקסאון צייגט פאר די פאראמעדיקס אז מען האט געגעבן נאלאקסאון, וואס דאס העלפט זיי אפשאצן די עמערדזשענסי אויב קיינער בלייבט נישט דארט.

פאר מער אינפארמאציע, באזוכט[nyc.gov/naloxone](https://nyc.gov/naloxone).